אין אידיש

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ 058-323- «

ערב שב"ק פרשת
בלק
ט"ו תמוז שנת תשפ"ה

בס"ד

## דער אייבערשטער אנטפלעקט זיך און רעדט צו א יעדעם איינעם, דורך די אלע געשעענישן ארום דעם מענטש!!!

### » וואס איז געווען די ציל פון די נס אז די אייזל פון בלעם האט גערעדט?!

עס שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (כב, כח) וַיִּפְתַּח ה' אֶת פִּי הָאָתוֹן, און די רמב"ן (פסוק כג) שרייבט ווי פאלגענד: "און די טעם פון דעם נס איז, צו ווייזן פאר בלעם מִי שָׂם פֶּה לָאָדָם אוֹ מִי יָשׂוּם אִלֵּם (שמות ד, יא), איהם צו ווייזן, אז דער אייבערשטער איז דער וואס עפענט די מויל פון שטומע, און כל שכן אז ער קען מאכן שטום רעדוודיגע, אויב וויל ער, ווייל אלעס איז אין זיינע הענט. און מיט דעם האט ער איהם געוואלט אנווארענען, אז ער זאל נישט נאכגיין נאך כישוף, ווייל ער איז געווען א כישוף מאכער", עכ"ל.

**און** עס מען טרעפט שוין דעם פשט אין **מדרש** (מדרש ילמדנו, מובא בילקוט תלמוד תורה), ווי עס שטייט ווי פאלגענד: "וַיִּפְתַּח ה' אֶת פִּי הָאָתוֹן, צו מודיע זיין, אז די מויל און צונג איז אין די הענט פונעם אייבערשטן, ווייל ער האט דאך געעפענט די מויל פונעם אייזל וואס איז געווען פארמאכט, און פונקט אזוי קען ער פארשטאפן א אפענע מויל, אז ער זאל נישט קענען שעלטען די אידן", עכ"ל (און עס ווערט געברענגט אויך אין מדרש רבה מיט אביסל אן אנדערע לשון).

**דאס** אלעס קומט אונז לערנען, אז עס איז נישט פארהאן אין די וועלט קיין שום זאך וואס ווערט געטוהן אן קיין פונקטליכע השגחה פרטית, און אלעס וואס געשעהט פארן מענטש, איז דאס נאר ווייל דער אייבערשטער וויל אזוי.

**און** אזוי טייטשט דער הייליגער **שפת אמת** (תרל"ב ד"ה כסה) אויפן פסוק (כב, ה-ו) הִנֵּה עַם יָצָא מִמִּצְרַיִם הִנֵּה כִסָּה אֶת עֵין הָאָרֶץ וְהוּא יֹשֵׁב מִמֻּלִי, וְעַתָּה לְכָה נָּא אָרָה לִּי אֶת הָעָם, אז אין דעם פסוק ווערט ארויסגעברענגט די קליפה פון בלק און בלעם. בלק און בלעם האבן געהאלטן אז אלעס וואס טוהט זיך אויף דער וועלט, איז פשוט נאטורליכע זאכן וואס געשעהט פון זיך אליין, אדער וואס מענטש אויף דער וועלט זענען מחליט צו טוהן. דאס האט בלק געמיינט צו זאגן מיט 'הנה עם יצא ממצרים', דאס הייסט די פאלק איז אליין ארויס, מיט זייער אייגענע כח.

**נאר** זייער פראבלעם איז געווען אז 'כִסָּה אֶת עֵין הָאָרֶץ', זיי פארדעגן די ערדישע בליק, זיי הענגען נישט אן זייער פאסירונגען אין די טבע, נאר זיי גלייבן אז אלעס איז באשערט פון הימל, און דאס האבן די קליפה פון בלק און בלעם נישט געקענט אויסהאלטן.

**אויך** די המשך פון די פסוקים, ווי עס שטייט 'וְהוּא יֹשֵׁב מִמֻּלִי', איז אויך מרמז אויף דעם געדאנק. אזוי ווי רש"י איז מסביר אז די ווארט 'מִמֻּלִי' איז פון די לשון כִּי אֲמִילַם (תהילים קיח), וואס איז פשט 'פארשניידן' און 'צוברעכן'. דאס הייסט, אז בלק האט גע'טענה'ט איז די אידן מיט זייער אמונה, האלטן זיי מלחמה אקעגן איהם, און זיי צוברעכן און צושמעטערן איהם, ווייל די כח פון אמונה טהורה איז אזוי גרויס, אז עס קען צוברעכן און צושניידן א יעדע פיינט און מזיק.

### » ביטחון איז די שטערקסטע 'אינשורענס' וואס איז נאר דא!!

די הייליגע **מהר"ל פון פראג זצ"ל** (אין זיין ספר **נתיבות עולם** נתיב הבטחון) שרייבט, אז ווער עס פארזיכערט אינעם אייבערשטן, איז אפי' אז וואלט איהם באמת געדארפט קומען עפעס א צרה, אומגליק אדער שלעכטס, וויבאלד ער האט ביטחון אינעם אייבערשטן וועט עס איהם נישט געשעהן, און דער אייבערשטער גייט רחמנות האבן אויף איהם און איהם ראטעווען פון דעם. אבער דאס איז נאר בתנאי' אז גייט האבן אמת'ע בטחון פון טיפעניש פון הארץ. און עס שטייט אין זוה"ק (וארא כב.) 'אז איינער וואס איז זיך בוטח אינעם אייבערשטן אמת'דיג, קען איהם קיינער פון די וועלט נישט שלעכטס טוהן, אפי' ער האט א שלעכטע מזל, וועט איהם דער אייבערשטער משפיע זיין פון א העכערע עולם וואס איז העכער די מזל.

**און** אזוי האלט אויך רבי חיים וואלאזינער (אין ספר נפש החיים שער ג' פרק יב), ווי עס איז שוין ברייט באקאנט זיינע ווערטער, ווי ער שרייבט אז ווער עס לייגט אריין ביי זיך אין קאפ מיט א קלארקייט, אז 'אין עוד מלבדו', ווערן בטל פון איהם אלע אנדערע כוחות און רצונות אין די וועלט, און קיינער קען נישט האבן קיין שליטה אויף איהם.

**און** לויט זיי קומט אויס, אז עס ליגט אין די הענט פון א מענטש א מורא'דיגע כח, אפצושלאגן פו

**און** לויט זיי קומט אויס, אז א מענטש קען מיט ביטחון פאקטיש מאכן אז די צרה וואס דארף צו קומען אויף איהם, זאל למעשה נישט קענען קומען אויף איהם. אבער אפי' לויט דעם פשט, שטייט נאכנישט אז אלעס וואס דער מענטש וויל, וועט ער באקומען, נאר אז עס קען איהם גארנישט געשעהן פון די אלע שלעכטע פאסירונגען וואס קענען געשעהן אויף דער וועלט.

**א** איד וואס איז פאר'דאגה'ט צו טרעפן א גוטע פרנסה, אדער ער איז דערשראקן פון די גורל פון א משפחה מיטגליד וואס איז נישט געזונט, און מען ווייסט נישט וואס עס ווארט איהם אפ, זאל ער נישט טראכטן אז די מדה פון בטחון איז נאר עפעס א גוטע שיינע מדה. נאר ער זאל וויסן אז ער האט א מצות עשה דאוריתא צו גלייבן אז דער אייבעשטער קען איהם העלפן, לויט טייל פון ראשונים (ווי עס ווערט געברענגט אין ספר חרדים פרק ט אות נא בשם דעם רמב"ן, סמ"ק און נאך).

**און** אפי' ער זעהט נישט מיט זיינע פליישיגע אויגן קיין שום וועג על פי דרך הטבע ווי אזוי ער קען זיך ארויסזעהן פון די בלאטע ווי ער איז אריינגעפאלן, מיט דעם אלעמען דארף ער גלייבן אז דער אייבערשטער קען העלפן אויף א יעדע מצב, אפי' ווען א שארפע שווערד ליגט אויפן האלדז פונעם מענטש. עס איז נישט פארהאן קיין שום מצב וואס מען קען זאגן אז 'דאס איז עס', 'עס איז נישט דא קיין וועג ארויס'.

**נאך** מער שטייט אין ספר **מכתב מאליהו** (ח"א מאמר הטבע הסתר הנסים), אז אפי' ווען יענער מענטש, וועט זיך משתדל זיין צו טרעפן א פרנסה בדרך הטבע, און ער וועט זיך אנשטרענגען וויפיל ער קען נאר אז ער זאל קענען אנקומען צו וואס ער וויל, אויב וועט ער גוט אריינטראכטן און די גאנצע זאך וואס האט איהם למעשה צוגעברענגט צו זיין ציל, וועט ער זעהן אז אין רוב פעלער איז גארנישט ארויסגעקומען פון די אלע פעולות וואס ער האט זיך איינגערעדט אז דאס גייט איהם צוברענגען צום ציל, נאר עס איז פונקט אונטערגעקומען אן אנדערע זאך, וואס דורך יענע זאך וואס איז געשעהן, אדער וואס ער האט בטעות אומוויסענדיג געזאגט אדער געטוהן, איז ער אנגעקומען צו וואס ער האט געוואלט.

### » ווי אזוי קען א פשוטע מענטש ווי איך, זיך פארזיכערן אינעם אייבערשטן?!?!

אבער מען דארף פאשטיין, מילא א איד א צדיק און א ירא שמים, וואס סאיז מדקדק קלה כבחמורה, און גיבט זיך אכטונג פון א ברעקל עבירה, אזא מענטש וועט דער אייבערשטער אוודאי רחמנות האבן אויף איהם ווען ער וועט זיך פארזיכערן אין איהם, אבער א פשוט'ע איד, וואס איז נאך ארומגענומען מיט עבירות, ווי אזוי קען ער זיך פארזיכערן אינעם איבערשטן, צו קען אזא איד זיך פארלאזן אז די מדת הבטחון וועט אכטונג געבן אוף איהם, און דער אייבערשטער וועט איהם ארויסנעמען פון זיין קלעם.

**אבער** די תשובה אויף דעם, איז אן אויסדריקליכער 'יא'. א יעדע איד, אפגעזעהן אין וועלכע מצב רוחני ער געפונט זיך, קען ארויסגיין פון זיינע צרות דורכן זיך פארזיכערן אינעם אייבערשטן. מדת הבטחון האט נישט קיין שום שייכות צו די התנהגות און די מעשים פון מענטש.

**אזוי** ווי עס שטייט קלאר אין **מדרש** (ילקוט שמעוני תהלים לד, י) אויפן פסוק רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ (תהלים לב, י), אז "אפילו א רשע וואס פארזיכערט זיך אינעם אייבערשטן וועט איהם ארומנעמען חסד".

**הרה"ק רבי מרדכי'לע לעכעוויטשער זצוק"ל** פלעגט זאגן (תורת אבות עמוד קמט) אז דורך רעדן און זיך חזר'ן עניני אמונה מיטן מויל, איז מען זוכה צו אן אמת'ע אינערליכע אמונה. א רמז צו דעם איז ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קטז, י) הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר, דאס הייסט אז כדי אנצוקומען צו אמונה 'האמנתי', 'כי אדבר', דארף מען רעדן. ע"כ.

**דאס** מיינט למעשה, אז ווען א מענטש געוויינט זיך צו במשך די גאנצע טאג זיך צו חזר'ן אז דער אייבערשטער איז דער וואס העלפט, סיי אין לערנען סיי ביים דאווענען סיי ביי זיינע גשמיות'דיגע צרכים, און ער זאגט כסדר 'ברוך ה'', 'דער אייבערשטער זאל העלפן', 'דער אייבערשטער וועט העלפן', דורך דעם וועט דער אמונה אריינגעדרינגען ווערן ביי איהם אין הארץ, און ער אנפאנגען צו פילן אז טאקע ער אליין קען גארנישט נאר דער אייבעשטער.

### » צו דען איז מעגליך אז דער אייבערשטער אנפלעקט זיך פאר א יעדן איינעם און רעדט מיט איהם?!?!

און נאכמער פון דעם, א מענטש דארף זיך צוגעווינען אז דער אייבערשטער רעדט מיט איהם, דורך די אלע פאסירונגען וואס געשעהן מיט איהם, ווייל א יעדע זאך וואס עס געשעהט נאר פאר א מענטש, איז דאך עס מיט א ספעציעלע השגחה פרטית וואס דער אייבערשטער האט אונטערגעשטעלט און אונטערגעדרייט ספעציעל פאר די מענטש, און דורך די אלע זאכן רעדט דער אייבערשטער צום מענטש, און ער זאגט איהם דא וויל איך אז דו זאלסט טוהן אזוי און דא אזוי. און נאר ווען א מענטש געוויינט זיך צו צו טראכטן, וואס וויל יעצט דער אייבערשטער מיר זאגן, דורך דעם ווערט געשטארקט זיין בטחון אין איהם.

**די אור החיים הק'** אויפן פסוק וַיֹּאמֶר ה' לֹא יָדוֹן רוּחִי בָאָדָם לְעֹלָם בְּשַׁגַּם הוּא בָשָׂר וְהָיוּ יָמָיו מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה (בראשית ו, ג), שילדערט ווי אזוי די מצב פון די דורות זענען געפאלן פון אנפאנג בריאות העולם צוביסלעך מער און מער ביזן דור המבול, ווי ער שרייבט דארט ווי פאלגענד: "אט דער פסוק ברויכט א גוטן פשט, און חז"ל דארשענען אויף דעם אסאך דרשות, אבער די פשוטער פשט אין נישט קלאר. עס געפעלט מיר צו זאגן אז פשט איז, אז פון אנפאנג פלעגט דער אייבערשטער מוכיח זיין און זיך אמפערן מיט זיינע באשעפעניש אפענערהייט, אזוי ווי מען זעהט אין פסוק וַיֹּאמֶר ה' [אֱלֹקִים] אֶל הַנָּחָשׁ (בראשית ג, יד), אֶל הָאִשָּׁה אָמַר וגו' (שם טז), וּלְאָדָם אָמַר וגו' (שם יז), וַיֹּאמֶר ה' אֶל קַיִן לָמָּה וגו', (שם ד, י), וַיֹּאמֶר ה' אֶל קַיִן אֵי הֶבֶל וגו' (שם ט)."

"**אבער** ווען די בריאה איז געווארן מער און מער פארגרעבט, האט דער אייבערשטער געזאגט 'לא ידון רוחי לעולם באדם' אז ער וועט מער נישט האנדלן מיט זיינע באשעפענישן פנים אל פנים, און די ווארט 'רוחי' גייט ארויף אויף די שכינה הק', אז די מענטשהייט וועט שוין נישט ווערן געדערכענט אויף דעם דרגה."

**און** די אור החיים הק' לייגט צו דעם און שרייבט ווי פאלגענד: "קומט אויס, אז לויט ווי אזוי די מענטשן פירן זיך אויף, אזוי זענען זייערע מדריגות, פון אנהייב האט דער אייבערשטער מוכיח געווען אדם הראשון אין פנים אריין, קומט אויס אז די באשעפענישן זענען געווען אין א דרגה פון נביאים, אבער ווען די באשעפענישן האבן אנגעהויבן צו זינדיגן, זענען זיי געפאלן פון זייערע מדריגות און זענען שוין נישט געווען אין די דרגה פון נביאים. און שפעטער איז געווען א מצב פון הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ (שיר השירים ב, יב) אז עס זענען צוריקגעקומען די דרגה פון נבואה. אבער פון ווען די בית המקדש איז חרוב געווארן, האט זיך אויפגעהערט די נבואה, און עס איז געליבן די בחינה פון רוח הקודש. און ווען עס איז פארשטאפט געווארן די אויגן פון די אידן, זענען מיר נישט משיג קיין 'ריח הקודש' און כל שכן נישט 'רוח הקודש' וכו'", עכ"ל.

**און** אזוי איז אויך די לשון פונעם **אלשי"ך הק'** (בראשית ג, ח) ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "פאר אדם הראשון האט געזינדיגט און איז געווען געקליידט מיט א 'חלוקא דרבנן' סיי אין גוף און סיי אין נפש, האט איהם די דינע און קלארע גשמיות נישט אפגעהאלטן פון צו הערן ווי דער אייבערשטער רעדט צו איהם, אזוי ווי א טאטע רעדט צו א קינד, אזוי ווי דער אייבערשטער רעדט צו די צדיקים אין גן עדן וואס זענען אנגעקליידט מיט א ספעציעלע העמד'ל פון שיין (אור)."

"**אבער** נאכדעם וואס ער איז טמא געווארן דורכן זינדיגן, איז פארשוועכט געווארן זיין כבוד און זיין העמד איז אויסגעטוהן געווארן פון איהם. און אפי' ער האט תשובה געטוהן, איז ער אבער נישט אינגאנצן ריין געווארן פון וואס ער האט זיך פאשמירט, דעריבער ווען דער אייבערשטער האט געוואלט רעדן מיט איהם, איז עס שוין נישט געווען אזוי ווי אמאל וכו', נאר פאר ער איז געקומען האט ער געמאכט אז עס זאל זיין עפעס א קול אין די גארטן, כאילו אז ער רעדט נישט מיט איהם דירעקט נאר ווי ער ווערט גערעדט פון זיך אליין, און אדם הראשון הערט נאר די קול אזוי אומדירעקט, און אפי' צו די דרגה וואלט אדם הראשון נישט זוכה געווען ווען נישט עס איז געווען 'לרוח היום' דאס הייסט ערב שבת נאך חצות וכו'", עכ"ל.

**נאך** שרייבט די אלשיך הק' אין פרשת אמור, אז די סיבה פארוואס כלל ישראל האבן געהערט די קול פונעם אייבערשטן ביים מעמד הר סיני, איז וויבאלד עס איז געווען 'פסקה זוהמתן' און זענען צוריקגעקומען צו די דרגה פון די מענטשן פון פארן מבול וואס דער איבערשטער האט גערעדט מיט יעדעם, אזוי ווי עס שטייט אין די פסוקים.

### » ווי אזוי רעדט דער אייבערשטער מיט זיינע באשעפענישן היינטיגע צייטן?!?!

**די** גמ' זאגט אין מסכת **ברכות** (ה.), "ווען א מענטש זעהט אז עס קומען אויף איהם יסורים, זאל ער נאכקוקן זיינע מעשים". און איינע פון די פשוט'סטע פשטים אויף דעם איז, אז א מענטש דארף אריינטראכטן וואס וויל דער אייבערשטער פון איהם אין זיין לעבן, דער אייבערשטער וויל רעדן מיט א יעדע מענטש, נאר וויבאלד אז דער מענטש איז פארגרעבט, מוז ער רעדן צו איהם אויף אופן פון א צמצום. אבער דער מענטש דארף זיך מיישב זיין און אריינטראכטן און אלע זאכן וואס פאסירן מיט איהם, וואס וויל דער אייבערשטער איהם זאגן מיט דעם. מיר גלייבן דאך אז דער אייבערשטער האט געטוהן, טוהט און וועט טוהן, אלעס אויף דער וועלט, דעריבער דארף מען אריינטראכטן און פארשטיין פארוואס איז מיר יעצט געשעהן די זאך, פארוואס האט איך באקומען א קלאפ, בזיונות אדער א יעדע אנדערע זאך וואס פאסירט נאר.

**און** אזוי טייטשט **רש"י** אויף די ווערטער פון די אויבנדערמאנטע גמ' "אז דער מענטש זאל נאכקוקן, וואס איז די מערסטע מסתבר אז דער אייבערשטער האט איהם געוואלט מעלדן מיט דעם". און אין ספר **ראש יוסף** (פונעם בעל פרי מגדים) שטייט געשריבן, אז אלעס איז אויף א אופן פון מדה כנגד מדה, אז יעדער מאל וואס דער אייבערשטער וויל ברענגען יסורים אויף א מענטש ברענגט ער עס אויף א אופן פון מדה כנגד מדה, כדי אז דער מענטש זאל קענען משים לב זיין און פארשטיין וואס דער אייבערשטער וויל אז ער זאל מתקן זיין.

**קומט** אויס פון דעם אלעם, אז דער אייבערשטער איז ווייטער ממשיך צו רעדן שטענדיג צו דעם מענטש, נאר מען דארף פארשטיין די שפראך מיט וואס דער אייבעשטער רעדט צו אונז. און ווי מער א מענטש ווערט מגושם, אלץ מער דארף די שפראך פונעם אייבערשטן צו אונז ווערן נאכמער מגושם, ווייל די פשוטע גשמיות'דיגע זאכן זענען אויס נארמאל און נאטורליך, איז כדי אז דער מענטש זאל פארשטיין אז מען רעדט צו איהם דארף דער אייבערשטער טוהן עפעס ספעציעל און 'טאפעדיג' אז דער מענטש זאל פארשטיין אז מען רעדט צו איהם.

"...אז דער אייבערשטער איז ווייטער ממשיך צו רעדן שטענדיג צו דעם מענטש, נאר מען דארף פארשטיין די שפראך מיט וואס דער אייבעשטער רעדט צו אונז. און ווי מער א מענטש ווערט מגושם, אלץ מער דארף די שפראך פונעם אייבערשטן צו אונז ווערן נאכמער מגושם..."